1 טאג
געדיינקט אז מיר קאנען אייך געבן
דריי קלינינג
אדער פארבן
באדינונג אויב איר פארלאנגט.
אין אלע אייערע
37 266, PERTH DYE WORKS LTD.
נ. פ. פערמנאי, מענעדזשער

איר קאנט פארן פאר 50c
פון איינער וועלכן טייל פון נארט ענד ביז צום צענטער פון שטאט.
מיט א
בליו בורד טעקסי
טעלעפאנירט
24 511 און 24 521
הערי לייאן, מענעדזשער

זינדיק בלוט

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע

✦✦✦✦

פון א. ר.

(פארטזעצונג)

ס'איז שטיל געווארן. אלע אויגן האבן געקוקט אויף מר. וואלפ'ן און ער האט דערפילט אז עפעס איז דא פארגעקומען. עפעס איז אזוי שטיל און אלע קוקן אויף אים . . .

מר. וואלף האט גלייך באמערקט ווי סילוויא זיצט א שטארק מידע און א צערויטלטע און בענדזשאמין שטייט לעבן איר. ער האלט געבויגן זיין קאפ און ער זאגט איר עפעס . . . דערפון איז מר. וואלף בלייך געווארן. ער האט זיך גלייך דערמאנט אן דעם, וואס בענדזשאמין האט אמאל צו אים געזאגט : — געוויס איך אליין האב מיט איר געהאט צוטאן. — די אייפערזוכט און דער חשד האט אים א זעץ געטאן אין זיין הארצן און אין זיין קאפ. ער האט דערפילט אזוי ווי א שווערע האנט וואלט זיין הארץ צענויפגעדריקט. א ווילדער כעס האט זיך אים אנגעצונדן. ער איז געווען גרייט זיך צו ווארפן אויף בענדזשאמינען, נאר ער האט זיך אנגעשטריינגט צו בלייבן רואיק און ניט ארויסצואווייזן פאר מענשן זיין חשד און כעס. ער איז א וויילע געבליבן שטיין און ער האט געקוקט ארום זיך. א שווערע און לאנגע וויילע. אלע אויגן זיינען אויסגעשטעלט. בענדזשאמין האט ווידער זיך געגעבן א בויג איין צו סילוויא'ן און ער האט א שעפטשע געטאן : "איך וועל ווארטן" — און ער איז פון איר אפגעטראטן. סילוויא האט געקוקט מיט גרויסע אויגן. זי האט איצט פארשטאנען קלאר אלעמענס בליקן. און עס איז איר שווער געווארן די שטילקייט. די שרעק איז אין איר געוואקסן.

— וואס זשע זיינט איר שטיל געווארן ? — האט מר. וואלף א פרעג געטאן.

און ביטרים האט אויסגערופן :

— לאמיר טאנצן !

דזשערי האט זיך אוועקגעזעצט לעבן דער פיאנא און ער האט גענומען שפילען און די יונגווארג האט צוריק גענומען רעש'ן.

דאן אז מר. וואלף צוגעגאנגען צו ביטרים'ן און ער האט איר א פרעג געטאן :

— וואס איז דא פארגעקומען ?

— גארנישט. וואס פאלט דיר איין ?

— אבער וואס איז דא פארט געווען ?

— וואס זאל זיין ? מען האט געטאנצט.

— געטאנצט ? . . . און סילוויא מיט בענדזשאמינען ?

נאר ביטרים האט זיך געמאכט ניט הערנדיק די לעצטע פראגע און זי איז גלייך צוגעגאנגען צו סיידי'ן וואס האט אויסגעזעען אביסל דערשראקן, זעענדיק ווי מר. וואלף איז בלאס געווארן.

מר. סטאן איז דערווייל צוגעגאנגען צו מר. וואלפ'ן :

— אלזא, וועט עס אזוי בלייבן . . . דער ראבאי איז גערעכט . . . מען דארף מאכן שלום . . . ער איז אן איינן קינד — וועט עס זיין שיין פאר אייך ווען ער זאל גיין צו א פרעמדן ארבעטן ?

— זאל ער גיין . . .

נוצט
דעינטי וואיט
צו וואשן אייערע וועש, צו רייניקן אייער סינק, באד טאב, אדער וועלכן עס איז טייל פון אייער הויז.

און ער האט עס ארויסגעזאגט מיט אזוי פיל בייזקייט און פארביסנקייט, אז מר. סטאן האט זיך שטארק פארוואונדערט און ער האט ניט פארשטאנען די פלוצלומדיקע ענדערונג. ער איז דאך שוין געווען מיט אים אויף א וועג . . . אין קאבינעט איז ער דאך שוין געווען כמעט פארטיק אויף איבערצובעטן זיך... און דא, וואס עפעס פלוצלונג ?

— עס איז דאך אן איינן קינד.

— איך האב שוין געהערט.

— אויב ניט, וועל איך אים צונעמען.

— נעמט אים אייך ! — האט מר. וואלף בייז א מורמל געטאן — מיך ארט עס נישט.

און ער האט זיך אפגערוקט פון מר. סטאנ'ען און ער איז מיט שטייפע טריט צוגעגאנגען צו סילוויא'ן און ער האט שטריינג א זאג געטאן :

— נו, גענוג, מיר גייען אהיים . . .

סילוויא האט געהערט די בייזקייט פון זיינע ווערטער. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט צו איר אזוי גערעדט . . . נאר זי האט אפילו די אויגן צו אים ניט אויפגעהויבן.

— ריר זיך, מיר גייען . . .

סילוויא האט אויף אים א קוק געטאן. זי האט געזעען ווי זיינע אויגן קוקן אויף איר בייז, זי האט גארנישט געזאגט און זי האט מיט פארביסנקייט זיך אויפגעהויבן פון איר ארט.

דער עולם האט געטאנצט. נאר טאנצענדיק געווארפן בליקן דא אויף סילוויא'ן און דא אויף מר. וואלפ'ן. פון ווייטן איז בענדזשאמין געשטאנען א בלייכער און אין אים האט געציטערט דאס הארץ פון ווייטאג, זעענדיק פון ווייטן ווי דער אלטער באפעלט און סילוויא פאלגט.

קאפיטל 4

דער פארדאכט

ווען די פאמיליע וואלף איז צוריקגעפארן פון דער פארטי ביי די סטאנס, האבן אלע געשוויגן דעם גאנצן וועג. מר. וואלף, סילוויא און ביטרים זיינען געזעסן אין דער מאשין שווייגנדיק און יעדער איינער איז געווען פארזונקען אין זיינע געדאנקען און טראכטונגען.

די נאכט איז געווען א קילע. א שטילע און אן אנגענעמע. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט און א מילדער ווינטעלע האט געגלעט דאס פנים. מר. וואלף איז געווען צערודערט אבער ער האט זיך דאך באמיט צו בארואיקן זיין אויפגעשטורעמטן געמיט. אבער דער פארדאכט וואס האט זיך דעם אוונט אריינגע'גנב'עט אין אים איז געווען שארף און שטעכעדיק. זיין אויג האט אים ניט גענארט. ער האט גאנץ גוט געזעען ווי אלע דארט אויף דער פארטי האבן אויף אים געקוקט מיט שפאס און באהאלטענער נקמה, ער האט גאנץ גוט פארשטאנען, אז סילוויא האט געטאנצט מיט בענדזשאמינען, און זיי האבן זיך געהאלטן שטארק נאענט צום אנדערן און אז אלע האבן דאס באמערקט. ער אליין האט נאך געזען — ווען ער איז ארויסגעקומען פון מר. סטאנס קאבינעט — ווי סילוויא איז געזעסן א שטארק מידע און דאס פנים איז איר געווען צעפלאמט. אירע אויגן האבן געברענט מיט א מאדנעם גלאנץ און בענדזשאמין איז געשטאנען לעבן איר און ע ר האט זיך איינגעגעסן מיט זיינע אויגן און ווי ער האט געאטעמט מיט תאוה, מיט ברענענדיקער ליידנשאפט. ער האט אויך באמערקט, ווי ער האט זיך איינגעבויגן צו איר און ער האט איר עפעס געזאגט. איז וואס זשע אזוינס האט ער איר געזאגט ? דער סם פון אייפערזוכט האט אים געגעסן דאס הארץ און ער האט פארשטאנען, אז עפעס האבן זיי זיך אפגערעדט.

און מיט ביטערניש האט ער געטראכט זיצנדיק אין מאשין :

— מיר מיט מיר האט ער זיך צרקריגט, געווארפן שלאגן פארוואס איך האב געוואלט חתונה האבן מיט איר — מיט סילוויא'ן — פארקערט, איז ער גאר אויסגעקאכט מיט איר, וואס זשע הייסט עס ? הייסט עס, אז ניט דאס וואס איך האב חתונה געהאט, האט אים אזוי אויפגעבראכט. נאר דא וואס איך האב חתונה געהאט מיט דער מיט וועלכער ער איז אזוי נאענט . . . הייסט עס : ס'איז טאקע אמת . . . ס'איז אמת וואס עס האט זיך ביי אים ארויסגעכאפט אין א מאמענט פון ווילדן צארען, אז ער אליין איז מיט איר אין נאענטע באציאונגען געווען . . . דערפאר איז ער געווען אזוי צעקאכט און ער האט מיר געשפרונגען אין די אויגן אריין . . . איצט פארשטיי איך . . . ער האט מיך באטראכט פאר א קאנקורענט . . . ער האט ניט געוואלט דערלאזן אז מען זאל פון אים צונעמען זיין געליבטע . . . אזוי הייסט עס ? ! נו, און איצט ? און וואס איז איצט ?

און מיט אמאל האט זיך א גרויל אנגעצונדן אין אים און עס האט אים פון אייפערזוכט גענומען מישן אין זיין קאפ :

— זיי טרעפן זיך אויך איצט . . . . זיי טרעפן זיך . . . דער זון מיטן טאטענס ווייב !

ער האט דערפילט ווי דאס הארץ אין אים האט זיך געגעבן א קארטשע איין פון גרויס ווייטאג און פארדראס. א טיפער שטאך האט דורכגעלעכערט זיין ברוסט און ער האט אזש ארויסגעלאזט א שטילן קרעכץ. דער כעס האט אים אנגעהויבן שטיקן אין האלז און זיינע פויסטן האבן זיך גענומען ביילן פון זיך אליין און ער האט דערפילט ווי א געשריי, א ווילדער און מורא'דיקער געשריי רייסט זיך פון זיין האלז, א געשריי ווי פון פארוואונדעטער חיה, נאר ער האט שטארק פארקלעמט די ציין און ער האט זיך אנגעשטריינגט מיט אלע כחות צו בלייבן רואיק. מען קאן דאך פארט ניט וויסן אויף זיכער . . .

— האט ער געטראכט — ס'קאן דאך זיין אז עס איז ניט אזוי . . . ער האט זיך אזוי דערשראקן פאר דעם געדאנק. אז ס'איז אזוי — און ער האט זיך אליין געוואלט איינרעדן אז ער מאכט א טעות. — אפשר דאכט זיך מיר בלויז אויס אזוי ? זי האט מיט אים געטאנצט, וואס זשע דען האט זי געקאנט טאן ? ער איז צוגעקומען און ס'האט פאר איר ניט געפאסט אים אפצוזאגן. מער ניט. אבער טרעפן זיך ? נארישקייטן. ווען א שטייגער קאן זי זיך מיט אים טרעפן ? בייטאג — איז ניט קיין צייט . . . ביינאכט — איז ער שטענדיק מיט איר צוזאמען.

ער האט זיך געפרובט בארואיקן, אבער דער פארדאכט איז אין אים געבליבן. נאר זיין אינסטינקט האט אים אונטערגעזאגט, אז ער מוז בלייבן רואיק, אז ער טאר זיך ניט ארויסגעבן. ער דארף זיך ניט וויסנדיק מאכן ביז ער וועט זיך אין דעם איבערצייגן. ניט ער האט עפעס געזען, ניט ער האט עפעס באמערקט, ער ווייסט ניט פון גארניט. ער דארף בלייבן פארבארגן און פון א ווינקל נאכשפירן און נאכקוקן ביז ער וועט זיך איבערצייגן, ביז ער וועט עס דערזען מיט די אייגענע אויגן — און ערשט דאן . . . דאן וועט ער שוין ניט האבן וואס אנצוווארטן און ער וועט שוין וויסן, וואס ער האט צו טאן. דערווייל אבער מוז ער בלייבן רואיק.

ער האט זיך אנגעשטריינגט און ער איז געבליבן רואיק. ער האט געזוכט צו פארבינדן עפעס א געשפרעך מיט ביטרים'ן אדער מיט סילוויא'ן. ער האט זיך באמיט אז זיין שטימע זאל זיין ווייך און גוט, און צום סוף האט ער זיך געווענדעט צו סילוויא'ן :

— וואס זשע סילוויא, שווייגסטו אזוי ? דו ביזט מיד ?

נאר סילוויא האט ניט געענטפערט. זי האט געהערט זיין פראגע און דאך ניט געהערט. זי איז געווען ווי פארזונקען אין א חלום, אין א וואונדערלאכן חלום פון וועלכן עס האבן געקוקט צו איר בענדזשאמינ'ס אויגן און ס'האט געאטעמט אויף איר זיין הייסער אטעם...

— דו הערסט ניט וואס מען רעדט צו דיר ? — האט זיך ביי מר. וואלפ'ן ארויסגעריסן די פראגע מיט אביסל בייזקייט. נאר באלד האט ער צוגעגעבן מיט א ווייך קול : — אזוי מיד ביסטו ?

— הא ? — האט זיך סילוויא ווי אויפגעכאפט פון איר דרימל — איך האב ניט געהערט . . . דו האסט עפעס געפרעגט ? די מאשין מאכט אזא טרמעל . . .

— איך האב געפרעגט צו די פילסט שטארק מיד.

— מיד ? ניין . . . ס'הייסט, מיד בין איך, נאר ניט אזוי שטארק . . . עס שלעפערט.

— אט וועלן מיר באלד זיין אין דערהיים . . . שטעל אויף דעם קאלנער פון דיין מאנטל.

ער האט אויסגעצויגן זיין האנט און ער האט געוואלט אויפהויבן איר קאלנער, נאר סילוויא האט זיך שנעל א באוועג געטאן, זי האט זיך ווי דערשראקן פאר דעם. און זי האט אליין פלינק זיך אויפגעשטעלט דעם קאלנער פון איר מאנטל, האט זיך איינגעהילט און זי האט זיך ענגער איינגעהילט אין ווינקעל פון דער קאר.

מר. וואלף האט זיך געווענדעט צו דעם שאופער :

— דזשים !

— יעס־סער !

— פאר שנעלער !

— יעס־סער !

און די מאשין האט זיך גענומען טראגען פייל פון בויגן.

נאר סילוויא האט גארנישט געהערט און גארנישט געזעען. פאר אירע אויגן איז אלץ געשטאנען בענדזשאמין. זי האט כסדר געזעען זיינע ברענענדיקע אויגן און זיין בלאס און ליידנשאפטלאך פנים. אויף איר טאליע און אויף אירע הוילע פלייצעס זיינען נאך געלעגן זיינע הייסע בארירונגען, ווי זיין האנט וואלט נאך איצט געטוליעט איר טאליע און פלייצע. זי האט געפילט אזא זיסן ווייטאג און זי איז געווען פארוועבט אין זיין מאכט. דאס הארץ האט איר דערביי געזונגען פון פרייד און זיך צוזאמענגעפרעסט פון שרעק. זי האט מיט אלע אירע חושים, מיט איר גאנצן לייב געפילט, אז מיט דעם היינטיקן אוונט האט זיך אנגעהויבן אזעלכעס פון וועמען זי וועט שוין ניט קאנען אנטלויפן, ניט אויסבאהאלטן זיך און ניט אויסמיידן עס. אז זי וועט אלץ מער און מער זינקען אין דעם חלום, און אין דעם זיסן ווייטאג. און דאס הארץ האט איר געשראקן. ווער ווייסט, ווער קאן וויסן וואס עס שטייט אונטער אירע פלייצעס און לאקערט אויף איר . . .

און מר. וואלף, כדי זיך אינגאנצן צו בארואיקן זיך, האט פארפירט א געשפרעך מיט ביטרים'ן :

— ביטרים !

— וואס איז ?

— וואס איז די מעשה וואס מען זעט ניט דיין באי ?

— וועמען מיינסט ?

— איך מיין דעם יונגן גאלד.

ביטרים וואס איז די גאנצע צייט געזעסן פארטראכט, האט זיך א צאפל געטאן, דערהערנדיק דעם נאמען, און זי האט איבערגעפרעגט :

— וועמען מייסטו דאס ?

— דעם יונגן גאלד . . . ער פלעגט דאך זייער אפט אריינקומען.

— ער איז שוין לאנג ניט געווען.

— פארוואס ?

(ווייטערס — קומט)

רעדזשיינער נאטיצן

די א. צ. א. האבן דא, זונטאג דעם 15 פעברואר דורכגעפירט א פארטי און טאנץ אין תלמוד תורה זאל. די מיטגלידער און אויך אייניקע געסט האבן זייער גוט פארבראכט.

* * *

דער היגער בני ברית לאדזש האט אפגעהאלטן זיין יערלאכן טאנץ אין "סאסקאטשעוואן האטעל". די אנוועזנדע מיטגלידער האבן זיך זייער גוט אמוזירט.

* * *

די אינפלוענצא בושעוועט דא יעצט. דערווייל איז עס נאך אין א מילדער פארמע. מען מוז אבער זיין זייער פארזיכטיק און אויב אימעצער ווערט אנגעגריפן זאל ער גלייך רופן א דאקטאר.

* * *

דעם 11טן מארט וועט פארקומען דער יערלאכער תלמוד תורה באזאר. אלע אידן פון רעדזשיינע ווערן געבעטן צו קומען און העלפן מאכן די אונטערנעמונג א דערפאלג.

ש. אנ-סקי

(שלוס פון זייט 2)

אויף זיינען אויסצולערנען זיך די "מלאכה נקיה וקלה" — די קונסט פון אפשפרעכן. צוליב דעם איז ער געקומען צו איר און נאר זי קאן אים ארויסהעלפן אין זיין נויט. די אפשפרעכערן האט רחמנות געהאט אויף אים און אויף זיין עלטער, און זי האט אים אויסגעלערנט די פארשיידענע שפרוכן, וועלכע אנסקי האט גלייך פארצייכנט אין זיין נאטיץ ביכל".

און אנדער עפיזאד דערציילט ש. רובינשטיין אין "ליטעראַרישע בלעטער", נומער 31 פון ערשטן יארגאנג : דאס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה. אין יענער צייט האט זיך ארגאניזירט אן אלרוסישער זעמסקער פאראיין. צופעליק איז מיר אויסגעקומען צו ארבעטן מיט אנסקי'ן אין דעם פאראיין, וואס האט אונז ארויסגעגעבן אפיצער־מיליטערישע הלבשה, עפאלעטן, קאקארדן, שפארן און שווערדן. מיט איין ווארט : מעשה פאניע . . . איין מאל איז אונז אויסגעקומען פארן פון לוואוו קיין פשעמישל. קיין צוג איז דאמאלסט ניט געווען און מיר האבן זיך געלאזט אויף אן אויטא איבער דעם טראקט. אויפן וועג האבן מיר באמערקט צוויי רוסישע זעלנער אין צוויי מאנטלען אויפגענייט פון . . . תורה יריעות. מיט די אותיות אויף די פלייצעס. דער איד, וואס אין אנסקי'ן האט זיך מיט א ברען אויפגעכאפט, און מיט זיין שטייפער שטים האט ער די זעלנער אפגעשטעלט און ברוגז א פרעג געטאן, וואו זיי האבן געקראגן די מאנטלען ?

דערזעען פאר זיך אן אלטן, בכבוד'יקן און שטריינגן אפיצער, האבן די זעלנער אויף טויט זיך איבערגעשראקן און סאלוטירנדיק האבן זיי אין פארלעגנהייט דערקלערט, אז אין מאסאווער בית המדרש האבן זיי צוגענומען די תורה פאר זיך אויף רעגן מאנטלען. בייז האט זיי אנסקי דערקלערט. אז זיי פארשמוצן דעם כבוד פון דער רוסישער ארמיי. . . . נאך דעם מוסר זאגן האט ער ארויסגענומען עטלאכע מטבעות און ער האט אויסגעלייזט די יריעות מאנטלען. מיר האבן זיי באטראכט. דער כרוב פון די יריעות האט געדינט אלס אויבערשלאק, ער האט זיך ניט איין מאל געוויקלט אין דעם רעגן. די אותיות זיינען צעשוואומען און כמעט פארשוואונדן געווארן. פון די פלייצעס האבן אויף אונז ארויסגעקוקט די "עשרת הדברות". נאר מעשה שטן האט דער רעגן אפגעשווייקט און אויסגעמעקט דעם "לא", אזוי, אז די "עשרת הדברות" האבן ווי איראניזירט די רוסישע זעלנער מיט די איבערגעבליבענע ווערטער : תנגוב . . . תגזול . . . תנאף . די מאנטלען האבן מיר דאן אימפארטירט קיין קיעוו און פון דארט איבערגעשיקט דעם פעטערבורגער נאציאנאלן מוזעאום".

⁂

ש. אנסקי שטייט אין א באזונדער ליניע אין דער אידישער ליטעראטור; ער איז ביי דעם וועג פון פרץ, דינענזאן, ספעקטאר, שטייט אבער נעענטער צו דינעזאן מיט זיין חנ'עוודיקן אויסדריקן דעם אידישן סענטימענט. ווי ביי דינענזאן רוישן סודות'דיק ארויס פון אנסקי'ס ווערק קולות, וואס זיינען פול מיטן כלל. זיי זיינען רינגען אין דער גרויסער קייט פון כלל־ישראל. ווייט פון דעם צווייפלדיקן געדאנק, וואס עס פארמאגט דער יחיד. אויף וויפיל זיינע דערציילונגען זאלן ניט אויסזעען ראפינירט, זיינען זיי פונדעסטוועגן אין תוך גענומען פאלקסטימלאך, און אויב איר ווילט אפילו פאלקלאריסטיש, אויף וועלכן עס איז קאנטלאך דער שטעמפל פון דעם פולס פונם פאלקס געפיל, וועלכער האט געקלאפט אן אויפהער אין אנסקי'ס נשמה.

דאקטוירים Doctors' Directory

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. ס. דזש. בערמאק, 834 מיין סטריט אפיס שטונדן פון 2—4 און 7—8 DR. J. C. BERMACK	51 250	53 578
דר. דזש. ברענער, 402 סעלקירק עווניו אפיס שטונדן: 3—5, 7.30—8.30 DR. J. BRENER	54 107	54 107
דר. א. גוטמאן, 714 טאראנטא דזשענ. טרעסט בלדג. 283 פארטעדזש עווע. קאר. סמיט אפיס שטונדן: 10—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. A. GUTTMAN	53 422	26 947
דר. ס. דזשאוויש, 404 באיד בילדינג שטונדן: 11—12 און 3—6 און ביי אפאינטמענטס DR. SIMON JAUVOISH	54 429	22 717
דר. וו. הערשפילד, 576 מיין סט. קאר. אלעקסאנדער עוו. אפיס שטונדן: 11—1, 2—5 און 7—9 DR. H. HERSHFIELD	28 153	26 600
דר. ב. א. וויקטאר, קאר. סעלקירק און סאלטער (איבער דער באנק) אפיס שטונדן: 3—5 און 7—8 DR. B. A. VICTOR	51 772	52 744
דר. דזשא. בי. מעקטעוויש, שטונדן 2—5 און 7—9 פרויען און קינדער קראנקהייטן 500 קאלעדזש עווע. רעז. 504 קאלעדזש עווע. DR. GEO. B. McTAVISH	52 376	
דר. י. פערלמאן, 291 בארנס עווע., קאר. טשארלס אפיס שטונדן: 3—5 און 7—8 DR. I. PEARLMAN	53 181	53 181
דר. ס. קאברינסקי, סוויט 2 קראמפ בלאק (מיין און דאפערין עווניו) אפיס שטונדן: 3—5 און 6.30—8 DR. S. KOBRINSKY	51 968	54 866
דר. מעקס ריידי, (עקס רעי) 283 פארטעדזש, קאר. סמיט (100 טאראנטא דזשענ. טרעסט בלדג.) לעבן איטאנס שטונדן: פון 2—6 אוונט און ביי אפאינטמענטס DR. MAX RADY	49 763	24 480
דר. סעם ראדין, ראיאל בענק בילדינג (מיין און סעלקירק) אפיס שטונדן: 3—4 און 6—8 DR. SAM RODIN	52 614	53 915
דר. א. ל. שובין, אפיס שטונדן 11—12 און 2—6 אפיס: בענק אף קאמערס בלדג., מיין און אלעקסאנדער רעזידענס: 375 מאקריי עווע. DR. A. L. SHUBIN	59 473	88 916
אויגן, אויערן, נאז און האלז		
דר. י. ה. בעקמאן, 613 באיד בילדינג DR. J. H. BECKMAN	51 848	29 110
דר. ד. מ. דזשענאף, 2-830 סאמערסעט בלאק DR. D. M. GENOFF	51 359	24 465
קינדער קראנקהייטן		
דר. ה. מעדאווי, 904 באיד בלדג. 3—5; 332 מאניטאבא עוו. 11—12 DR. H. MEDOVY	53 320	88 013
דר, דזשא. ה. שאפירא, 604 באיד בילדינג שטונדן: 3—5 און ביי אפאינטמענטס DR. GEO. H. SHAPERA	51 801	22 446

דענטיסטען Dentists Directory

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. י. בן עזרא, ב.א. 962½ מיין סטריט, קאר. סעלקירק. DR. I. BEN EZRA, B.A.	41 652	51 560
דר. מ. א. ברעגמאן, סוויט 1 סט. דזשאנס בלק. 984 מיין סט. DR. M. A. BREGMAN		53 720
דר. א. גארדנער, 409 סעלקירק עווע. קאר. סאלטער. (איבער דער ראיאל באנק) DR. A. GARDNER	39 829	52 744
דר. ס. טשוירטשיל, סוויט 1, טריק בלאק, 972 מיין סט. DR. S. H. CHURCHILL		56 056

היימאן און העסטרין
באריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
216 — מעקאינטייר בלאק — 216
טעלעפאן 21 627
מר. העסטרינס וואוינונג:
306 סט. דזשאנס עווע. טעל. 53 133

שינביין, מאראזניק און ראבלין
Shinbane, Morosnick & Roblin
Barristers, Solicitors and Notaries
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריוס
Office: 207-8 Confederation Life Bldg.
457 Main St. Opposite City Hall
טעלעפאן 21 345—6

טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק
Barristers, Solicitors, Etc.
460 מיין סטריט
טעלעפאן 24 591 און 24 666

א. ע. קאנטאר
אדוואקאט און נאטארי
A. E. CANTOR
211 קוירי בילדינג, 233 פארטעדזש עווע.
טעל. 89 225—29 937
רעזידענס:
103 בענערמאן עווע. טעל. 51 353

ה. שולמאן
אדוואקאט און נאטארי
געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט
Schulman & Nitikman
213 קאנפעדערייישאן לייף בילדינג
457 מיין סטריט, אנטקעגן סיטי האל
טעלעפאן 88 462

ש. מילער
B.A., L.L.B.
באריסטער, סאליסיטאר א. א. וו.
709 גרייט וועסט פערמאנענט בילדינג
356 מיין סטריט
טעלעפאן 24 688 און 24 963
רעז. 152 בארנס עווע. טעל. 51 652

ל. א. מ. פייקאף
באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי פאבליק
L. A. M. PEIKOFF, L.L.B.
201 McIntyre Block, Main at Portage
Phone 86 802 Res. 52 173

רעדזשיינע רעדזשיינע
REGINA CARTAGE & STORAGE LIMITED
טעלעפאן 93 041
דיסטריביוטארן פון די בארימטע
ראזדייל לאמפ און סטאוו קוילן
פאר היימישן געברויך, אויך
ביג הארן און סאונדערס קריק
בעלוויו און גרינהיל סטים קוילן
דזשענעראל קארטעדזש, מאווינג און סטארעדזש

⁘ פאטראניזירט אונזערע אדווערטייזער ⁘

סייל פאסטערס
געמאכט
אין 24 שעה
שיין און צוציענד
ביי
"דאס אידישע ווארט"
מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער
קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו
באצירן די פאסטערס
מיר טוען די גאנצע ארבעט
שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די
ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויס־
שטעלן אויפן סייל — און מיר טוען
שוין פאר אייך דאס איבעריקע
שרייבט אין וועלכער שפראך איר ווילט צו
THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409